UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
A Patriarkh Fun A Groysn Dor / A Patriarch From a Great Generation

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4bn4m3z6

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Alex Robbin, Aleks Robin /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אַלעקס ראַבין

# אַ פּאַטריאַרך פון אַ גרויסן דור

אַ געפיל פון יראת הכבודיקן פחד באַהערשט מיך ביים באַגריסן אַברהם גאַלאַמבן צו זיין 90סטן געבוירן־יאָר. אַזאַ עלטער באַצייכנט גאַלאַמבן ווי דעם פּאַטריאַרך פון אַ גרויסן דור. איז דאָך אַברהם גאַלאַמב געווען פון די ראשונים וועלכע האָבן אויפגעלעבט און באַגרינדעט אונדזער אידעאָלאָגישן גאַנג, און דערצויגן אויף דעם עטלעכע דורות. דאַרף מען ביים דערמאָנען זיין 90סטן געבוירן־טאָג טאַקע מאַכן אַ ברכה.

און וואָסערע 90 יאָר זיינען דאָס געווען! עס קומען אויפן זינען אברהם רייזענס שורות:

„איך האָב ליב מיין דור,
מיין דור פון אידעאַלן,
און ביז מיין לעצטן יאָר
זיין ליכט זאָל אויף מיר פאַלן."

ס'איז געווען אַ דור מיט גרויסע אידעאַלן; אידעאַלן פון גאולה, פון באַפרייונג, פון עמאַנציפּאַציע, פון באַנייונג. און אַברהם גאַלאַמב איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון אָט דעם יידישן רענעסאַנס. ער איז איצט פון די לעצטע פון יענע נביאים אויף וועלכע אַ פילאָסאָף האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ היסטאָריקער איז אַ נביא וואָס קוקט אויף צוריק."

אברהם גאַלאַמבס פילאָסאָפישע מחשבות זיינען געטריי אָט דעם זאָג. זיין היסטאָריאָסאָפיע איז פאַראַנקערט אין דער יידישקייט פון אַלע תקופות. ער מעסט ניט יידיש לעבן דורך קורצע צייט־אָפּשניטן. זיין יידישקייט איז אַ לאַנגע קייט פון אייביקע פּראָצעסן. נאָך מיט איבער זעכציק יאָר צוריק האָט ער באַקרעפטיקט זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג אין אַן אַרבעט: „פון בית לחם ביז קאַסרילאָווקע" (געדרוקט אין רוסלאַנד אַרום 1918 פון דער חברה מפיצי השכלה) — אַ גאַנץ קערנדיקע אַרבעט.

איך דערמאָן זיך ווען איך האָב זיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיטן נאָמען אַברהם גאַלאַמב. דאָס איז געווען מיט אַן ערך 40 יאָר צוריק. איך האָב אָנגעהויבן באַגעגענען דעם נאָמען אָפט אין דער יידישער פּובליציסטיק, אין צייטונגען, זשורנאַלן און אין צייטשריפטן. און איך האָבן אין זיינע מאמרים דערפילט אַ נייעם, פרישן, זאַפטיקן טאָן. ס'האָט פון זיי געקוואָלט אַ יידישקייט וואָס איז מיר געווען נאָענט צום הארצן — ניט קיין פילאָסאָפיש באַגרינדעטע ווי זשיטלאָווסקיס, ניט באַזירט אויף העגעלס דיאַליקטישער שיטה און אפילו ניט אויף אָטאָ באַוערס אַפּערצעפּציע טעאָריע, וואָס איז בשעתו אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט. (אגב איז אברהם גאַלאַמב ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ראַדיקאַליזם, וואָס האָט דאַמאָלסט באַהערשט דער יידישער גאַס) — נאָר אַ יידישקייט וואָס האָט אירע וואָרצלען טיף אין יידישן לעבן; אַ יידישקייט וואָס האָט ניט נאָכגעקרימט די השכלה אַפּאָלאָגעטיקער, וועלכע האָבן געצויגן יניקה און השפעה פון דרויסן.

גאַלאַמבס יידישקייט איז אַרויסגעוואַקסן פון דער טיפקייט פון יידישן געדאַנק, פון די זאַפטן וואָס דאָס יידיש לעבן האָט איינגעזאַפּט אין זיך, פאַרדייעט און צוריק אַרויסגעגעבן — צו באַנוצן גאַלאַמבס אַן אויסדרוק. און דערפאַר איז זיין יידישקייט כולל אַלץ וואָס איז געשאַפן פון יידן דורך די דורות.

מען האָט דאָס אָנגערופן אינטעגראַלע יידישקייט. און אַברהם גאַלאַמב איז געווען דער נביא פון דעם, כאָטש גאַלאַמב אין זיין עניוות זאָגט זיך אָפּ פון דעם כבוד אַז ער איז געווען דער באַגרינדער פון דער אינטעגראַלער יידישקייט. אָט דעם כבוד שרייבט ער צו צו הרב שוואַרץ פון אַרגענטינע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „שריפטן" ווו גאַלאַמב איז געווען מיטרעדאַקטאָר און ווו סאיז צוערשט גערעדט געוואָרן וועגן דער שיטה. הרב שוואַרץ איז אָבער יונג געשטאָרבן און אברהם גאַלאַמב איז געוואָרן דער באַגרינ־